# NYS Children's Medicaid

# קינדער און פאמיליע באהאנדלונג און הילף סערוויסעס

## אינפארמאציע פאַר קינדער/יוגנטליכע און פאמיליעס

## ווער קען באקומען די סערוויסעס?

קינדער און יוגנטליכע (אונטער 21 יאר אלט) וואס זענען געדעקט דורך Medicaid און האבן גייסטישע געזונטהייט און/אדער סובסטאנץ באנוץ געברויכן קענען באקומען אומזיסטע קינדער און פאמיליע באהאנדלונג און הילף סערוויסעס (Children and Family Treatment and Support Services). די סערוויסעס ווערן געדעקט דורך געהעריגע Medicaid אדער, אויב איינגעשריבן אין א Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן*, זענען די סערוויסעס געדעקט דורך די העלט פלאן.

## וויאזוי העלפן די סערוויסעס?

די סערוויסעס קומען נאך די אינדיווידועלע געברויכן פון קינדער/יוגנטליכע און זייערע פאמיליעס/קעירגעבערס. זיי קענען העלפן:

- אידענטיפיצירן גייסטישע געזונט און/אדער סובסטאנץ באנוץ געברויכן אין די פריע שטאפלען.
- צושטעלן הילף אין די היים און קאמיוניטי.
- פארמיידן די געברויך פאר עמערדזשענסי רום באזוכן, בלייבן אין שפיטאל, אדער ארויס פון הויז פלאצירונגען.

## *וואס איז א Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן?

Medicaid מענעדזשד קעיר פלענער זענען העלט אינשורענס פירמעס וואס טוען איבערקוקן און קאארדינירן קעיר. קינדער און יוגנטליכע וואס זענען איינגעשריבן אין א Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן וועלן האבן מערסטנס פון זייערע Medicaid בענעפיטן געדעקט דורך יענע העלט פלאן.

אויסצוגעפונען מער וועגן קינדער און פאמיליע באהאנדלונג און הילף סערוויסעס, פארבינדט זיך מיט אייער העלט קעיר פראוויידער, העלט היים קעיר אנפירער, לאקאלע קאונטי גייסטישע געזונט אפטיילונג, קעיר קאארדינירער, אדער Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן - קעיר פלאן.



אייער לאקאלע פראוויידער:







NEW YORK STATE
דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health)
אפיס פון מענטל העלט (Office of Mental Health)
אפיס פון אלקאהאליזם און סובסטאנץ אביוז סערוויסעס (Office of Alcoholism and Substance Abuse Services)
אפיס פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities)
אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services)

# קינדער און פאמיליע באהאנדלונג און הילף סערוויסעס

די גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ באנוץ סערוויסעס, אוועילעבל מיט ניו יארק סטעיט קינדער'ס Medicaid, געבן קינדער, יוגנטליכע (יונגער ווי 21 יאר אלט) און זייערע פאמיליעס די שטארקייט צו פארבעסערן זייער געזונטהייט, וואוילזיין און קוואליטעט פון לעבן. די סערוויסעס פארשטערקערן פאמיליעס און העלפן זיי מאכן אינפארמירטע באשלוסן וועגן זייער קעיר. סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט אינדערהיים אדער אין די קאמיוניטי.

## טעראפיע סערוויסעס

(אנדערע לייסענסד פראקטישאנער)

- באקומט אן אפשאצונג פאר גייסטישע געזונט און/אדער סובסטאנץ באנוץ געברויך.
- אידענטיפיצירט שטארקייט און מעגליכקייטן דורך אינדיווידועלע און גרופע טעראפיעס.
- באקומט אינדיווידועלע, גרופע, אדער פאמיליע טעראפיע וואו איר זענט די מערסטע באקוועם.

## ריהאביליטאציע סערוויסעס

(פסיכיאסאציאלע ריהאביליטאציע און קאמיוניטי פסיכיאטרישע הילף און באהאנדלונג)

- לערנט זיך איינצוגלידערן טעראפיע צילן אריין צו רוטינע לעבנסשטייגער און באקומט באזונדערע שטיצע צו קאנטראלירן אייער מעדיקעישן.
- שאפט פארבינדונגען און קאמיוניקירט בעסער מיט פאמיליע, פריינט און אנדערע.
- לערנט קעיר צו נעמען פון זיך, און נוצט אנפירונג סקילס צו קאנטראלירן געפילן.

## פאַמיליע פריינט שטיצע סערוויסעס

באקומט הילף אויב איר ציט אויף יוגנטליכע מיט גייסטישע געזונט און/אדער סובסטאנץ באנוץ שוועריגקייטן. צוגעשטעלט דורך א קוואליפיצירטע פאמיליע פריינט אדוואקאט/ באשטעטיגטע ערהוילונג פריינט אדוואקאט וואס האט ענליכע ערפארונגען.

- געפונט אינפארמאציע און הילפסמיטלען אוועילעבל וואס קומען נאך אייער קינד'ס/ יוגנטליכע'ס און פאמיליע'ס געברויכן.
- מאכט אינפארמירטע באשלוסן.
- בויט און מאכט שטערקער נאטורליכע הילף און הילפסמיטלען.

## יוגנטליכע פריינט שטיצע סערוויסעס און טרענירונג

באקומט הילף אויב איר זענט א קינד/יוגנטליכע מיט גייסטישע געזונט און/אדער סובסטאנץ באנוץ שוועריגקייטן. צוגעשטעלט דורך א קוואליפיצירטע יוגנטליכע פריינט אדוואקאט אדער באשטעטיגטע ערהוילונג פריינט אדוואקאט ספעציעל פאר יוגנטליכע וואס האט ענליכע ערפארונגען.

- אנטוויקלט פעאיגקייטן צו קאנטראלירן געזונטהייט שוועריגקייטן און זיין זעלבסטשטענדיג.
- פילט ערמוטיגט צו מאכן באשלוסן.
- מאכט פארבינדונגען צו נאטורליכע שטיצעס און הילפסמיטלען.
- באקומט הילף זיך צוצוגרייטן פאר די אריבערגאנג צו די ערוואקסענע געזונטהייט סיסטעם.

## קריזיס אינטערווענשאן

פראפעסיאנאלע הילף אינדערהיים אדער אין די קאמיוניטי ווען א קינד אדער יוגנטליכע איז זייער אומרואיג און קען נישט ווערן קאנטראלירט דורך פאמיליע, פריינט און אנדערע הילף. באקומט שטיצע און הילף מיטן נוצן קריזיס פלענער אראפצונידערן דעם קריזיס און פארמיידן אדער פארמינערן צוקונפטיגע קריזיסער.

